ניו יארק סטעיט
אפיס אוו טשילדרען ענד פעמילי סערוויסעס

# דעזיגנירונג פון מענטש וואס איז אין עלטערן-פארבינדונג

לויט אפטיילונג 5-1551 פון די ניו יארק סטעיט דשענעראל אבליגעישאן געזעץ.

1. איך, ________________________, טו דא קלארשטעלן אז איך בין די עלטערן פון די קינד/קינדער/באגרעניצטע מענטש(ן) ארויסגעשריבן אונטן און עס זענען נישט פארהאן קיין שום געריכט באפעלן יעצט אין קראפט אין קיין שום יוריסדיקציע וואס וואלט מיר פארבאטן פון דורכפירן די כח וואס איך וויל יעצט אויטאריזירן.

2. די אדרעס און טעלעפאן נומער(ן) וואו מען קען צוקומען צו מיר בשעת די דעזיגנאציע איז אין קראפט איז:

אדרעס: ________________________________________

________________________________________

טעלעפאן: היים ( ) אַרבעט ( )

אנדערע ( ) ____________

3. איך טו צייטווייליג פארטרויען ____________________, א מענטש העכער אכצן יאר אלט וואס וואוינט אין ____________________

____________________, ניו יארק, ________________ טעלעפאן נומער ( ) די קעיר פון די פאלגענדע קינד/קינדער/באגרעניצטע מענטש(ן):

| | |
|---|---|
| נאמען: | געבורט דאטום: |
| נאמען: | געבורט דאטום: |
| נאמען: | געבורט דאטום: |
| נאמען: | געבורט דאטום: |

4. סיי וואספארא אויטאריטעט עס ווערט געגעבן פאר דעם מענטש אין עלטערן-פארבינדונג אין איינקלאנג מיט דעם פארם זאל זיין גילטיג (צייכן אן די פאסיגע קעסטל און שרייב אונטער ראשי תיבות):

☐ _____ א. פאר 12 מאנאטן פונעם דאטום פונעם אונטערגעשריפט פון די דעזיגנאציע, אדער ביז די דאטום פון צוריקציען, וועלכער עס פאסירט ערשט (מוז אריינגעמען אלע פארטייען'ס אדרעסן און טעלעפאן נומערן און ווערן אונטערגעשריבן דורך אלע פארטייען אין אנוועזנהייט פון א נאטערי פובליק); אדער

☐ _____ ב. פאר 30 טעג פונעם דאטום פונעם אונטערגעשריפט פון דעזיגנאציע, אדער ביז די דאטום פון צוריקציען, וועלכער עס פאסירט ערשט; אדער

☐ _____ ג. פון ___/___/___(דאטום) ביז און אריינגערעכנט ___/___/___ (דאטום), אדער ביז די דאטום פון צוריקציען, וועלכער עס פאסירט ערשט; אדער

☐ _____ ד. אנגעהויבן אויף ________________________

(שרייב ארויס פאסירונג) און פארזעצנדיג ביז ________________ אדער ביז די דאטום פון צוריקציען, וועלכער עס פאסירט ערשט

5. לגבי די אויבנדערמאנטע קינד/קינדער/באגרעניצטע מענטש(ן), דער אויבן-ארויסגעשריבענע מענטש אין עלטערן-פארבינדונג איז אויטאריזירט צו:
(צייכן אן די וואס זענען שייך)

- ☐ איבערקוקן שולע רעקארדס
- ☐ איינשרייבן אין שולע
- ☐ אנטשולדיגן פעלן פון שולע
- ☐ צושטימען צו אנטיילנעמען אין שולע פראגראמען און/אדער שולע-באצאלטע אקטיוויטעטן
- ☐ צושטימען צו שולע-פארבינדענע מעדיקל קעיר*
- ☐ איינשרייבן אין העלט פלענס
- ☐ צושטימען צו אימיוניזאציעס*
- ☐ צושטימען צו אלגעמיינע העלט קעיר*
- ☐ צושטימען צו מעדיצינישע פראצעדורן*
- ☐ צושטימען צו דענטל קעיר
- ☐ צושטימען צו דעוועלאפמענטל אונטערזוכונג
- ☐ צושטימען צו מענטל העלט אפשאצונגען און/אדער באהאנדלונג

*אויסער ווי פארבאטן אין אפטיילונג 2504 פון די פובליק העלט געזעץ

סיי וועלכע פון די אויבנדערמאנטע אויטאריזאציעס קענען שפעטער ווערן געצוימט דורך טערמינען באשטימט דורך די עלטערן, און, אויב געצוימט, זענען די צוימונגען ארויסגעשריבן אונטן (צ.ב., די עלטערן קענען שענקען די אויטאריטעט צו צושטימען צו א מענטל העלט אפשאצונג, געבינדען צום טערמין אז מען קען זיך נישט פארבינדן מיט זיי דורכן טעלעפאן אדער אנדערע עלעקטראנישע מיטלען).

| |
|---|
| |

6. איך טו ווייטער אויטאריזירן דעם מענטש אין עלטערן-פארבינדונג צו פארלאנגען, באקומען און איבערקוקן, און ווערן געשאנקען פולשטענדיגע און אומגעצוימטע צוטריט צו, און באקומען גאנצע און אומפארמעקטע קאפיעס פון סיי וועלכע און אלע פון העלט, מעדיצינישע, פינאנציעלע אינפארמאציע און/אדער סיי וועלכע אינפארמאציע און/אדער רעקארדס ווי ערקלערט אין 45 CFR. §164.501 און רעגולירט דורך די סטאנדארטן פאר פריוואטקייט פון אינדיווידועל-אידענטיפיצירבארע אינפארמאציע געפונען אין 65 פעד. רעג. 82462 אלס באשיצטע פריוואטע רעקארדס אדער אויף אן אנדערן אופן געדעקט אונטער די העלט אינשורענס פארטאביליטי און אקאונטאביליטי אקט פון 1996 (HIPAA), פובליק געזעץ 104-191 פאר יעדעס קינד\באגרעניצטע מענטש וואס שטייט אויסגערעכנט אין פאראגראף 3 אויבן. איך פארשטיי אז די אינפארמאציע וואס שטייט אין אזעלכע העלט און מעדיקל רעקארדס קען אריינגעמען אינפארמאציע פארבינדן מיט סעקזשועל אריבערגעפירטע קראנקהייטן, עקווייערד אימיונאדיפישאנסי סינדראם (AIDS), AIDS-פארבינדענע קאמפלעקס (ARC) און היומען אימיונאדעפישאנסי ווירוס (HIV), ביהעיוויארעל אדער מענטל העלט סערוויסעס, באהאנדלונג פאר אלקאהאל און\אדער דראג אביוז און\אדער אדיקשאן. איך פארשטיי ווייטער אז איך קען באקומען צוטריט צו און\אדער באקומען א חשבון פון די אינפארמאציע וואס וועט גענוצט אדער ארויסגעגעבן ווערן ווי צוגעשטעלט אין 45 CFR §164.524, et seq. איך פארשטיי ווייטער אז אויטאריזירן דעם ארויסגעבונג פון די העלט אינפארמאציע איז פרייוויליג; אז איך קען זיך אנטזאגן פון אונטערשרייבן די אויטאריזאציע. איך פארשטיי ווייטער אז סיי וועלכע ארויסגעבונג פון די אינפארמאציע טראגט מיט זיך דעם פאטענציעל פאר אן אומאויטאריזירטע ווייטערדיגע ארויסגעבונג פון די אינפארמאציע דורך דריטע פארטייען און אז אזעלכע ווייטערדיגע אנטפלעקונגען קענען מעגליך נישט זיין באשיצט אונטער HIPAA. כדי צו מאכן דעם אנטפלעקנדע פארטיי ארויסגעבן די אויבנדערמאנטע פריוואטע און\אדער באשיצטע געהיימע אינפארמאציע, טו איך אויף שטענדיג ארויסלאזן און האלטן פארזיכערט די דערמאנטע אנטפלעקנדע פארטיי וואס פארלאזט זיך אויף דעם אינסטרומענט פון סיי וועלכע לייעביליטי אונטער געהיימקייט געזעצן וואס קומען ארויף אונטער HIPAA אלס א קאנסעקווענץ פון די דערמאנטע אנטפלעקונג.

7. מעלדונג פאר עלטערן און מענטשן אין עלטערן-פארבינדונג: אויטאריזאציע לויט דעם פארם איז גילטיג ביז דער פריערדיגע פון צוריקציאונג דורך אן עלטערן אדער דער דאטום אנגעגעבן אין פאראגראף 4 אויבן. סיי וועלכע עלטערן האבנדיג אונטערגעשריבן דעם באשטימונג מעג צוריקציען אזעלכע אויטאריזאציע ווען מען וויל, אדער קען מעלדן פאר די רעלעוואנטע שולעס און העלט קעיר פראוויידערס פון אזא צוריקציאונג. א מענטש אין עלטערן-פארבידונג וואס באקומט מעלדונג פון אן עלטערן פון אזא צוריקציאונג זאל פון יעצט און ווייטער מעלדן סיי וועלכע שולע, העלט קעיר פראוויידער אדער העלט פלאן צו וועלכן מען האט געגעבן אן אויטאריזאציע לויט דעם סוב-אפטיילונג. פארפעלונג פונעם מענטש אין עלטערן-פארבידונג צו מעלדן באקומערס פון די אויטאריזאציע פונעם צוריקציאונג זאל נישט מאכן אז די מעלדונג פון צוריקציאונג זאל נישט זיין גילטיג.

די אויטאריזאציע איז צייטווייליג, אבער קען ווערן באנייט דורך איינע פון די עלטערן (אדערביידן). פונדעסטוועגן, עלטערן און מענטשן אין עלטערן-פארבידונג וועלכע זענען אין א לאנג-טערמיניגע, קעיר-געבן אראנדזשירונג מעגן זוכן א מער פערמענאנטע לעגאלע אראנדזשירונג דורך אנהויבן א לעגאלע פארהאנדלונג צו באשטימען לעגאלע גארדיענשאפט אדער צו באשטימען קאסטאדי.

באמערקונג: אלע ווייטערדיגע אונטערשריפטן מוזן זיין נאטארייזד אויב די אויטאריזאציע דארף זיין אין קראפט פאר א פעריאד מער פון 30 טעג.

דאטום: ___ / ___ / ___ (עלטערן'ס אונטערשריפט) ______________________

געשוואוירן פאר מיר דעם

___________ טאג פון ___________ 20 ______

נאטערי פובליק ______________________

8. איך, ______________________ , בין אויך די עלטערן פון די קינד/קינדער/באגרעניצטע מענטש(ן) ארויסגעשריבן דא, עס איז פארהאן א געריכט באפעל וואס באפעלט אז ביידע עלטערן מוזן זיין איינשטימיג אויף עדיוקעישאן און/אדער העלט באשלוסן בנוגע אזא קינד/קינדער/באגרעניצטע מענטש(ן), און איך טו דא צושטימען צו די דעזיגנאציע דורך מיין אונטערשריפט אונטן.

די אדרעס און טעלעפאן נומער(ן) וואו מען קען זיך פארבינדן מיט מיר בשעת די דעזיגנאציע איז אין קראפט איז:

אדרעס: ______________________

טעלעפאן: היים: ( ) - ______________ אַרבעט ( ) - ______________

אנדערע: ( ) - ______________

דאטום: ___ / ___ / ___ (עלטערן'ס אונטערשריפט) ______________________

געשוואוירן פאר מיר דעם

___________ טאג פון ___________ 20 ______

נאטערי פובליק ______________________

9. איך, ______________________________ , דער מענטש דעזיגנירט אין עלטערן-פארבינדונג פאר די קינד(ער)/באגרעניצטע מענטש(ן) דא ארויסגעשריבן, טו דא צושטימען צו די דעזיגנאציע דורך מיין אונטערשריפט אונטן.

דאטום: ___/___/___ אונטערשריפט ______________________________

געשוואוירן פאר מיר דעם

______________ טאג פון ______________ 20 ______

נאטערי פובליק ______________________________

אנווייזונגען פאר באשטימונג פון מענטש אין עלטערן פארבידונג, לויט סעקשאן 5-1551 פון די ניו יארק סטעיט דזשענעראל אבליגעישאנס געזעץ.

**צוועק פון דעם פארם:**

די פארם וועט אייך ערלויבן צו דעזיגנירן אן אנדערן מענטש צו מאכן מעדיצינישע און עדיוקעישאנעל באשלוסן פאר אייער קינד(ער) אדער באגרעניצטע מענטש(ן) אין אייער קעיר אויב איר קענט דאס נישט אליינס טון פאר א ספעציפישע צייט אפשניט. די אויטאריזאציע קען בלויז ווערן גענוצט פאר א צייט אפשניט פון ביז 12 מאנאטן. אויב איר וועט דארפן שטעלן אייער קינד(ער)/באגרעניצטע מענטש(ן) אין א צווייטנ'ס קעיר פאר מער פון 12 מאנאטן, וואלט איר מעגליך געוואלט באטראכטן אנדערע אפציעס.

אויב עס איז פארהאן א געריכט באפעל וואס פארלאנגט אז ביידע עלטערן זאלן צושטימען אויף עדיוקעישאן און/אדער העלט באשלוסן בנוגע די קינד(ער), דאן דארפן ביידע עלטערן אונטערשרייבן דעם פארם. אויב נישט, ווערט נאר איינע פון די עלטערנ'ס אונטערשריפט פארלאנגט.

איר האלט אן אלע אייער עלטערן'ס רעכטן מיט די אויטאריזאציע און איר קענט צוריקציען (בטל מאכן) די אויטאריזאציע סיי ווען. דער מענטש וועמען איר דעזיגנירט וועט קענען רעדן מיט אייער קינד(ער)'ס שולע, לערערס און מעדיצינישע פראוויידערס, און וועט קענען מאכן רוטינע באשלוסן. די מענטש וועמען איר דעזיגנירט וועט נישט קענען געבן צושטימונג פאר סורדזשערי אדער אנדערע גרויסע מעדיצינישע פראצעדורן אבער וועט קענען געבן צושטימונג פאר רוטינע מעדיצינישע אנגעלעגנהייטן. אויב איר ווילט נישט אז דער מענטש וועמען איר דעזיגנירט זאל קענען מאכן געוויסע באשלוסן, אזוויי באשלוסן בנוגע אימוניזאציעס, קענט איר דאס באצייכענען מיט דעם פארם. אויב די מענטש וועמען איר האט דעזיגנירט מאכט א באשלוס בנוגע אייער קינד(ער)/באגרעניצטע מענטש(ן) מיט וואס איר זענט נישט מסכים, קענט איר מבטל זיין די באשלוס.

די דעזיגנירטער מענטש מוז צושטימען צו זיין "א מענטש מיט עלטערן'ס אויטאריטעט" און וועט נישט זיין מחויב אנצונעמען פאראנטווארטליכקייט פאר פינאנציעלע שטיצע פונעם קינד(ער)/באגרעניצטע מענטש(ן). אייער קינד(ער) וועט נישט דארפן טוישן זייער שולע דיסטריקט אויב יענער מענטש וואוינט אין א אנדערע שולע דיסטריקט. אין פאל פון אייער טויט אדער איר ווערט באגרעניצט, וועט די דעזיגנאציע אויטאמאטיש בטל ווערן.

**אנווייזונגען וויאזוי צו נוצן דעם פארם:**

**פאראגראף 1:** שרייבט אריין אייער פולע לעגאלע נאמען אין די אנגעגעבענע ארט. אויב עס איז פארהאן א געריכט באפעל אין קראפט וואס פארלאנגט ביידע עלטערן צו אונטערשרייבן, וועט די אנדערע עלטערן אריינשרייבן זייער נאמען אין די אנגעגעבענע ארט אין פאראגראף 7.

**פאראגראף 2:** שרייבט אריין אייער אדרעס און טעלעפאן נומער(ן). אויב די אינפארמאציע איז נישט אריינגעשריבן, וועט די אויטאריזאציע נישט זיין גילטיג פאר מער ווי 30 טעג. נוצט די אדרעס וואו איר וועט זיך אויפהאלטן דורכאויס די צייט ווען די אויטאריזאציע וועט זיין אין קראפט, אפילו אויב דאס איז נישט אייער לאגעלע רעזידענץ. צום ביישפיל, אויב די אויטאריזאציע וועט ווערן גענוצט בשעת איר זענט אין שפיטאל, זאלט איר נוצן די שפיטאל'ס אדרעס.

**פאראגראף 3:** שרייבט אריין דעם נאמען, אדרעס, און טעלעפאן נומער פון דעם מענטש וועמען איר ווילט דעזיגנירן צו קענען מאכן עדיוקישאנעל און/אדער העלט באשלוסן פאר אייער קינד(ער)/באגרעניצטע מענטש(ן). שרייבט אריין די נעמען און געבורטס דאטום(ען) פאר **יעדע** קינד/באגרעניצטע מענטש.

**פאראגראף 4:** שרייבט אויס אויף ווי לאנג איר ווילט די אויטאריזאציע זאל זיין אין קראפט דורכן אנצייכענען די פאסיגע קעסטל און אונטערשרייבן מיט ראשי תיבות דערנעבן. געדענקט, איר קענט אייביג צוריקציען (בטל מאכן) די דעזיגנאציע פריער אויב איר ווילט. אינפארמאציע וויאזוי דאס צו טון איז בייגעלייגט ביים ענדע פון די אנווייזונגען.

- **נוצט (א)** אויב איר ווילט אז די דעזיגנאציע זאל זיין גילטיג פאר 12 מאנאטן. אויב איר וועלט אויס די אפציע, מוזט איר צושטעלן די אדרעס און טעלעפאן נומער פאר די עלטערן און דער אנדערער מענטש, און אלע אונטערשריפטן מוזן זיין נאטארייזד.

- **נוצט (ב)** אויב איר ווילט אז די דעזיגנאציע זאל זיין גילטיג פאר 30 טעג. איר דארפט נישט ארייננלייגן קיין אדרעסן און טעלעפאן נומערן מיט די אויסוואל, אבער עס איז רעקאמענדירט אז איר זאלט דאס יא ארייננשרייבן אין פאל מעדיצינישע אדער עדיוקעישאנעל קעיר פראוויידערס דארפן זיך פארבינדן מיט אייך.

- **נוצט (ג)** אויב איר ווילט נוצן ספעציפישע דאטומען, פאר א פעריאד פון וויניגער אדער מער ווי 30 טעג. געדענקט, די דעזיגנאציע קען נישט ווערן גענוצט פאר מער ווי 12 מאנאטן, און איר מוזט ארייננשרייבן אדרעסן, טעלעפאן נומערן, און נאטערייזד אונטערשריפטן אויב איר ווילט אז עס זאל זיין גוט פאר מער פון 30 טעג.

- **נוצט (ד)** אויב איר ווילט אז די דעזיגנאציע זאל זיך אנהויבן ווען עפעס ספעציפיש פאסירט, אזוויי צום ביישפיל אין פאל איר ווערט האספיטאליזירט. פאר דעם, שרייבט איר די ספעציפישע פאסירונג אין די ערשטע אנגעגעבענע ארט (ביישפיל: "ווען איך ווער אדמיטעד צו א שפיטאל") און שרייבט די דאטום אדער פאסירונג ווען די דעזיגנאציע זאל אויסלויפן אין די צווייטע ארט (ביישפיל: "30 טעג שפעטער" אדער "ווען איך ווער ארויסגעלאזט פון שפיטאל"). נאכאמאל, איר מוזט ארייננשרייבן אדרעסן, טעלעפאן נומערן, און נאטארייזד אונטערשריפטן אויב איר ווילט עס זאל זיין גוט פאר מער פון 30 טעג.

**פאראגראף 5:** רעכנט ארויס אלע זאכן וואס איר ווילט אז דער דעזיגנירטער מענטש זאל קענען טון. שטרייכט אויס און שרייבט אונטער ראשי תיבות ביי **יעדע** זאך וואס איר ווילט **נישט** ערלויבן דעם מענטש וועמען איר דעזיגנירט דורכצופירן. אויב עס זענען דא נאך זאכן וואס איר ווילט צוריקהאלטן דעם מענטש פון טון ,נוצט די ליידיגע שורות אונטער די ליסטע ארייננצושרייבן די זאכן. צום ביישפיל, אויב איר ווילט מען זאל זיך פארבינדן מיט אייך בעפאר סיי וועלכע מענטל העלט אפשאצונג ווערט דורכגעפירט, קענט איר דאס ארייננשרייבן אין די אנגעגעבענע ארט.

**פאראגראף 6:** דער פאראגראף ערלויבט דעם מענטש וועמען איר האט דעזיגנירט צו האבן צוטריט צו אייער קינד(ער)'ס/באגרעניצטע מענטש(ן)'ס מעדיצינישע רעקארדס און מעדיצינישע אינפארמאציע.

**פאראגראף 7:** דאס שטעלט צו אינפארמאציע איבער דעם פארם. די עלטערן וועמענ'ס נאמען ערשיינט אין פאראגראף 1 שרייבט דאן אונטער און שרייבט דעם דאטום אויף דעם פארם. אויב די אויטאריזאציע דארף זיין אין קראפט פאר א פעריאד מער פון 30 טעג, דאן מוז די אונטערשריפט זיין נאטארייזד. אין דעם פאל, דארפט איר נעמען דעם פארם צו א נאטערי פובליק <u>איידער</u> איר שרייבט דאס אונטער, און אונטערשרייבן דעם פארם פארנט פון דעם נאטערי פובליק, וואס וועט דאן אויך אונטערשרייבן דעם פארם אנצודייטן אז זיי האבן בייגעוואוינט אייער אונטערשריפט. אויב איר טוט דאס נישט, וועט די אויטאריזאציע אויטאמאטיש ווערן אומגילטיג נאך 30 טעג.

**פאראגראף 8:** אויב עס איז פארהאן א געריכט באפעל אין קראפט וואס פארלאנגט אזביידע עלטערן זאלן זיין איינשטימיג אויף עדיוקעישאן און/אדער העלט באשלוסן בנוגע די קינד(ער), דאן וועט די אנדערע עלטערן ארייננשרייבן זייער פולע לעגאלע נאמען, אדרעס און טעלעפאן נומער אין די אנגעגעבענע ארט. אזוי ווי מיט די ערשטע עלטערן, מוזן זיי נישט אנגעבן זייער אדרעס און טעלעפאן נומער אויב די אויטאריזאציע איז פאר א פעריאד פון 30 טעג אדער וויניגער, אבער קענען ווילן. זיי מוזן צושטעלן די אינפארמאציע, און אונטערשרייבן דעם פארם פארנט פון א נאטערי פובליק, אויב די אויטאריזאציע דארף זיין אין קראפט פאר מער פון 30 טעג. אויב עס איז נישט פארהאן קיין געריכט באפעל אין קראפט וואס פארלאנגט ביידע עלטערן צו זיין איינשטימיג, קענט איר לאזן די פאראגראף ליידיג.

**פאראגראף 9:** שרייבט אריין די פולע לעגאלע נאמען פון דעם מענטש וואס זאל ווערן דעזיגנירט "אין עלטערן-פארבינדונג" צו די קינד(ער)/באגרעניצטע מענטש(ן). יענער טוט דאן אונטערשרייבן און דאטירן דעם פארם, צו ווייזן אז זיי שטימען איין צו זיין א מענטש אין עלטערן-פארבינדונג. אויב די אויטאריזאציע איז געמאכט צו זיין אין קראפט פאר מער פון 30 טעג, דאן דארפן זיי אונטערשרייבן די פארם פארנט פון א נאטערי פובליק.

**אנדערע אינפארמאציע:**

- <u>גרויסע מעדיצינישע באהאנדלונג:</u> דער מענטש וועמען איר דעזיגנירט **קען נישט** געבן קיין צושטימונג פאר "גרויסע מעדיצינישע באהאנדלונג" וואס איז סיי וועלכע מעדיצינישע, כירורגישע אָדער דיאַגנאָסטישע אינטערווענשאן אָדער פּראָצעדור אין וועלכער עס ווערט גענוצט אַלגעמיינע אַנעסטעטיק אדער אין וועלכער עס איז פארהאן סיי וועלכע באדייטענדע ריזיקע אָדער אין וועלכער עס איז דאָ אַ באדייטנדע אינוואזיע אין דער גאַנצקייט פון קערפּער, פאַר וועלכן מען דאַרף מאַכן אַ שניט אָדער וואָס איז גורם באַדייטנדע ווייטאָג, אומבאַקוועמקייט, פאַרשוואַכונג אָדער פון וועלכן עס נעמט אַ באדייטנדע צייט זיך צו ערהוילן. דאס רעכנט נישט אריין: סיי וועלכע רוטינע דיאגנאז אדער באהאנדלונג אזוי ווי איינגעבן מעדיצין אויסער קימאטעראפיע פאר נישט-סייקיעטריק צושטאנדן אדער נוטרישאן אדער דאס ארויסנעמען קערפערליכע פליסיגקייטן צו אנאליזירן; עלעקטראקאנוואלסיוו טעראפיע; ציין באהאנדלונג דורכגעפירט מיט לאקאלע אנסטיזשע; סיי וועלכע פראצעדור וואס ווערט דורגעפירט אונטער עמערדזשענסי אומשטענדן, לויט אפטיילונג 2504 פון די פובליק העלט געזעץ; צוריקציען אדער אפשטעלן מעדיצינישע באהאנדלונג וואס טוט אונטערהאלטן לעבנס פונקציעס; אדער סטעריליייזעישאן אדער די אפשטעל פון א שוואנגערשאפט.

צוםביישפיל, דער דעזיגנירטער מענטש קען געבן צושטימונג פאר א קינד/באגרעניצטע מענטש צו האבן געווענליכע ציין פראצעדורן, אזוי ווי פילינגס, אבער נישט קיין דענטאל סורדזשערי וואו זיי וועלן נישט זיין ביים באוואוסטזיין דורכאויס די פראצעדור, אזוי ווי ארויסשלעפן די וויסדאם ציין. די עלטערן'ס צושטימונג וועט נאך אלץ ווערן פארלאנגט פאר גרויסע מעדיצינישע פראצעדורן.

- <u>צוריקציען די דעזיגנאציע:</u> כדי צוריקצוציען (מבטל זיין) די אויטאריזאציע, דארפט איר בלויז זאגן פארן מענטש וועמען איר האט דעזיגנירט אז איר ווילט אזוי טון, און זיי דארפן איינמעלדן די נויטיגע עדיוקעישאן און מעדיקל פראוויידערס אז די אויטאריזאציע איז בטל געווארן. כאטש וואס די עלטערן דארפן דאס נישט איינמעלדן שריפטליך, אדער איינמעלדן די קינד(ער)/באגרעניצטע מענטש(ן) עדיוקעישאן און מעדיקל פראוויידערס אז זיי האבן מבטל געווען די אויטאריזאציע, קענען זיי ווילן דאס טון, כדי עס זאל נישט זיין קיין צומישעניש. אויבביידע עלטערן האבן אונטערגעשריבן דעם פארם, קען איינע פון זיי מבטל זיי די דעזיגנאציע אליין, איר דארפט נישט האבן ביידע עלטערן.